# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:59
מוצאי שב"ק.....................9:28

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.....................שופטים א'-ב'
בבלי.....................בכורות ל"ח
ירושלמי.............מעשרות כ"א
תוספתא..............יומא פרק א'
רמב"ם.............פרה אדומה א'

פרשת בהר, כ' אייר, אבות פרק ד', שנת תשע"ט לפ"ק — שנה 8, גליון 37 (397)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**וְכִי יָמוּךְ אָחִיךָ וּמָטָה יָדוֹ עִמָּךְ וְהֶחֱזַקְתָּ בּוֹ, גֵּר וְתוֹשָׁב וָחַי עִמָּךְ.** מוֹהַרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, קִידּוּשִׁין, הֲלָכָה ג' אוֹת ד'): אַז מֶען זֶעהְט אַז עֶס זֶענֶען דָא עֲשִׁירִים וָואס ווִילְן נִישְׁט גֶעבְּן קַיין צְדָקָה, וֶוען מֶען קוּמְט זֵיי בֶּעטְן צְדָקָה זָאגְן זֵיי: "עֶס אִיז הַיינְט שְׁוֶוערֶע צַייטְן, אִיךְ מוּטְשֶׁע מִיךְ זֵייעֶר פַאר מִיר אוֹיךְ, אוּן אִיךְ קֶען נִישְׁט גֶעבְּן קַיין צְדָקָה". אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער עוֹשֶׁר לֶעבְּט זִיךְ גַאנְץ בְּרֵייט, נָאר לוֹיט דִי גְרוֹיסֶע סְטַאנְדַארְטְן וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט זַיין לֶעבְּן, לוֹיט דֶעם מוּטְשֶׁעט עֶר זִיךְ. קוּמְט אוֹיס אַז פַאר זִיךְ פַארְגִינְט עֶר זִיךְ אַ בְּרֵייטֶע לֶעבְּן, אוּן פַאר דֶעם אָרִימַאן פַארְגִינְט עֶר נִישְׁט נָאר אַז עֶר זָאל נִישְׁט אוֹיסְגֵיין פַאר הוּנְגֶער.

אוּן אֲפִילוּ וֶוען דֶער עוֹשֶׁר זָאגְט עֶס נִישְׁט אַרוֹיס, אָבֶּער וֶוען עֶר זֶעהְט וִוי דֶער אָרִימַאן עֶרְלוֹיבְּט זִיךְ צוּ קוֹיפְן עֶפֶּעס מֶער וִוי בְּלוֹיז צוּם לֶעבְּן, עֶסְט עֶס אִים אוֹיף דָאס הַארְץ, "פַאר דֶעם הָאבּ אִיךְ אִים גֶעדַארְפְט גֶעבְּן צְדָקָה?! אַז עֶר זָאל זִיךְ קוֹיפְן דָאס אוּן דָאס?", כְּאִילוּ פַאר דֶעם עוֹשֶׁר קוּמְט זִיךְ אַלֶעם גוּטְס אוּן פַאר דֶער אָרִימַאן קוּמְט זִיךְ נָאר מַמָּשׁ אַז עֶר זָאל נִישְׁט שְׁטַארְבְּן פוּן הוּנְגֶער.

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק, **וְחַי אָחִיךָ עִמָּךְ**, דַיין בְּרוּדֶער זָאל לֶעבְּן "מִיט דִיר", אַזוֹי וִוי פַאר דִיר פַארְגִינְסְטוּ דִיךְ אַבִּיסְל בְּרֵייטֶער, פַארְגִין עֶס אוֹיךְ פַאר דַיין בְּרוּדֶער דֶער אָרִימַאן, אוּן זֶעה אַז עֶר זָאל אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן הָאבְּן וָואס עֶר דַארְף מִיט אַ בְּרֵייטְקַייט, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט דִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּרִיק צָאלְן, אַז עֶס וֶועט אַרַיינְקוּמֶען דִי בְּרָכָה בַּיי דִיר, אוּן עֶס וֶועט דִיר קֵיינְמָאל גָארְנִישְׁט פֶעלְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּהַר ד')

***

**וּבְכֹל אֶרֶץ אֲחֻזַּתְכֶם גְּאֻלָּה תִּתְּנוּ לָאָרֶץ.** מוֹהַרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ס"א) אַז וואוּ אִידְן גֶעפִינֶען זִיךְ, אֲפִילוּ אִין חוּץ לָאָרֶץ, זֶענֶען זֵיי מְקַדֵּשׁ דִי פְּלַאץ אַזוֹי וִוי דִי קְדוּשָּׁה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **וּבְכֹל אֶרֶץ**, אִין סַיי וֶועלְכֶע לַאנְד, **אֲחֻזַּתְכֶם**, אִיז אֵייעֶר פְּלַאץ, דֶער פְּלַאץ וֶוערְט אוֹיךְ גֶעהֵיילִיגְט. **גְּאֻלָּה**, וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז אוֹיסְלֵייזְן בְּקָרוֹב דוּרְךְ מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ, **תִּתְּנוּ לָאָרֶץ**, דַאן וֶועט בֶּאֱמֶת אַנְטְפְּלֶעקְט וֶוערְן דִי רִיכְטִיגֶע קְדוּשָּׁה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

(זֹאת הַתּוֹרָה בְּהַר ב')

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### סַבְלָנוּת בְּרֶענְגְט יְשׁוּעוֹת

וֶוען אַ אִיד ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, דַארְף עֶר ווִיסְן אַז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז עֶר זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין אוֹיפְגֶערֶעגְט, קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין נֶערְוֶועז, קֵיינְמָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוּמְקְרִיגְן מִיט זַיין ווַייבּ אוּן קִינְדֶער, אָדֶער מִיט קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ בַּאווַייזְט דָאס אַז גָארְנִישְׁט קֶען אִים דֶערְנֶערְווִירְן אוּן גָארְנִישְׁט קֶען אִים אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין נֶערְוֶועזְקֵייט, דֶעמָאלְט קֶען עֶר זַיין פַארְזִיכֶערְט אַז זַיין תְּשׁוּבָה אִיז אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן אִין הִימְל.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ו') אַז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז וֶוען אֵיינֶער וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט אָדֶער מֶען רֶעדְט אוֹיף אִים אוּן מֶען דֶערְנֶערְווִירְט אִים, מֶען קְרִיגְט זִיךְ מִיט אִים, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ שְׁוַוייגְט אָפּ, דָאס אִיז דֶער שְׁלֵימוּת הַתְּשׁוּבָה.

<<<<<<

## א גוט ווארט

עֶס אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל פוּן דִי "צַוָּאַת מוֹהַרָא"שׁ" (דִי צַוָּאָה אִיז דָא צוּ בַּאקוּמֶען אִין דְרֵיי שְׁפְּרַאכְן: לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, אִידִישׁ אוּן עֶנְגְלִישׁ), דָאס וֶועט שְׁטַארְקְן דַיין אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מוֹהַרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין דִי צַוָּאָה (אוֹת ט): "זִכְרוּ הֵיטֵיב וּתְיַישְׁבוּ עַצְמְכֶם וְאָז תִּרְאוּ כִּי שָׁוְא תְּשׁוּעַת אָדָם, וְהַכֹּל הֶבֶל הֲבָלִים", גֶעדֶענְקְט גוּט אוּן נֶעמְט גוּט אַרַיין אִין אֵייעֶר קָאפּ אַז אִיר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דֶער וֶועלְט, עֶס אִיז אַ שָׁאד זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן אוֹיף מֶענְטְשְׁן, "אַף אֶחָד לֹא יָכוֹל לַעֲזוֹר לָכֶם, וּמִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁאֵינוֹ יָכוֹל לְהַזִּיק לָכֶם", קֵיינֶער קֶען אַייךְ נִישְׁט הֶעלְפְן אוּן זִיכֶער נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן, "וְעַל כֵּן אַל תִּירָאוּ וְאַל תֵּחַתּוּ מִשּׁוּם בְּרִיָּה שֶׁבָּעוֹלָם, וּמִכָּל שֶׁכֵּן שֶׁאַל תַּחֲנִיפוּ אֶת שׁוּם בְּרִיָּה, כִּי לֹא יוֹעִיל כְּלָל, אֶלָּא עוֹד יַזִּיק לָכֶם בִּבְרִיאוּתְכֶם", דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אוּן אִיר זָאלְט זִיךְ נִישְׁט חַנְפִ'נֶען צוּ קֵיינֶעם, ווַייל דָאס וֶועט אַייךְ גָארְנִישְׁט הֶעלְפְן, פַארְקֶערְט דָאס וֶועט אַייךְ שָׁאטְן צוּם גֶעזוּנְט, "כִּי כְּשֶׁאָדָם שָׂם בִּטְחוֹנוֹ בְּבָשָׂר וָדָם, וְאַחַר כָּךְ כְּשֶׁאֵינוֹ נַעֲשָׂה כִּרְצוֹנוֹ אֲזַי בָּא לִידֵי אַכְזָבוֹת גְּדוֹלוֹת עַד מְאֹד, וְנִשְׁבָּר לְגַמְרֵי, וְנוֹפֵל רוּחוֹ, וְנֶחֱלַשׁ דַּעְתּוֹ", ווַייל וֶוען מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן אוּן דֶערְנָאךְ זֶעט מֶען אַז יֶענֶער אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט דִיר צוּ הֶעלְפְן אוּן עֶר קֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן, דַאן ווֶוערְט מֶען זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁט אוּן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, "אֲבָל בָּזֶה שֶׁמַּכְנִיסִים אֶת עַצְמוֹ לְגַמְרֵי בֶּאֱמוּנָה פְּשׁוּטָה בּוֹ יִתְבָּרַךְ, אָז מַצְלִיחִים בְּכָל הָעִנְיָנִים, כִּי אֵינוֹ חוֹנֵף לְשׁוּם בְּרִיָּה, וְכֵן אֵינוֹ מִתְיָרֵא מִשּׁוּם בְּרִיָּה, וְחַי אֶת הַחַיִּים שֶׁלּוֹ", אָבֶּער אַז מֶען גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיף אִים - אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ, עַיֵּין שָׁם.

וִוי מֶער דוּ וֶועסְט חַזְרְ'ן דִי אֱמוּנָה וֶועסְטוּ וֶוערְן מֶער רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' תֵּצֵא תשע"ח)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## וָואס טוּט מֶען מִיט אַ בָּחוּר וָואס הַאלְט בַּיי גָארְנִישְׁט?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי אַלֶע שֵׁיינֶע חִיזוּק בְּרִיוו אוּן דְרָשׁוֹת וָואס אִיר גֶעבְּט אוּנְז, עֶס גִיבְּט אוּנְז אַסַאךְ עֵצוֹת אוּן הַדְרָכָה.

מִיר ווִילְן זִיךְ דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן ווִיאַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען מִיט אוּנְזֶער בָּחוּר, וָואס אִיז יֶעצְט אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן יְשִׁיבָה אִין אוֹיסְלַאנְד, אוּן מִיר וֵוייסְן נִישְׁט ווִיאַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען מִיט אִים. מִיר וֶועלְן אַרָאפְּלֵייגְן בְּעֶרֶךְ ווִיאַזוֹי זַיין טָאג זֶעט אוֹיס, אוּן וָואס עֶס גֶעשֶׁעט דֶערְפוּן. עֶר פַארְבְּרֶענְגְט אִין דִי נַאכְט אַרַיין בִּיז גָאר שְׁפֶּעט, אוּן דֶערְנָאךְ שְׁטֵייט עֶר אוֹיף קוֹים אַמָאל כַאפְּט עֶר שַׁחְרִית צוּ חֲצוֹת, אוּן דִי גַאנְצֶע אַטְמָאסְפֶער ווֶערְט זֵייעֶר אָנְגֶעצוֹיגְן, עֶס אִיז דָא גָאר אַסַאךְ אַרְבֶּעט אִין שְׁטוּבּ וָואס עֶר קֶען ווֶען הֶעלְפְן, אָבֶער דָא לִיגְט אַ בָּחוּר אוּן שְׁלָאפְט אִין דִי טָאג אַרַיין, אוּן עֶס מַאכְט דִי גַאנְצֶע אַטְמָאסְפֶער גֶעפֶערְלִיךְ שְׁוֶוער, הַיינְט הָאבְּן מִיר אִים גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ עֶס ווֶעט וַוייטֶער אַזוֹי אָנְגֵיין, ווֶעט מֶען אִים מוּזְן זוּכְן אַ הוֹיז בַּיי אַ זֵיידֶע אָדֶער אַ פֶעטֶער וואו עֶר ווֶעט קֶענֶען שְׁלָאפְן בֵּין הַזְמַנִים, וַוייל בַּיי אוּנְז קֶען עֶס נִישְׁט וַוייטֶער אַזוֹי אָנְגֵיין.

מִיר דַארְפְן חִיזוּק ווִיאַזוֹי אוּן וָואס מִיר דַארְפְן דָא טוּן. אוּן בִּכְלַל אִיז זַיין אוֹיפְפִירוּנְג זֵייעֶר אַנְטוֹישְׁנְד, עֶר פִירְט זִיךְ צוּ אוּנְז מִיט גֶעפֶערְלִיכֶע חוּצְפָּה, עֶר שְׁרֵייט צוּרִיק, אוּן טוּט וָואס אִים גֶעפֶעלְט נָאר, אָן דֶעם וָואס עֶר זָאל זִיךְ רֶעכֶענֶען מִיט אוּנְז. אִין אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען זֶענֶען אַלֶע אַרוּמִיגֶע שׁוּלְדִיג, עֶר ווֶעט קֵיינְמָאל נִישְׁט נֶעמֶען דִי שׁוּלְד אוֹיף זִיךְ, אוּן פְּרוּבִּירְן צוּ פַארְרֶעכְטְן. בִּכְלַל אִיז עֶר זֵייעֶר פַארְמַאכְט, מִיר קֶענֶען זִיךְ מִיט אִים נִישְׁט דוּרְכְרֶעדְן, ווֶען מִיר פְּרוּבִּירְן צוּ דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיט אִים, ווֶעט עֶר פָּשׁוּט בְּלַייבְּן שְׁטִיל, אָדֶער נָאךְ גָאר זִיךְ נֶעמֶען שְׁרֵייעֶן אוּן בַּאשׁוּלְדִיגְן. מִיר זֶענֶען פָּשׁוּט בַּאזָארְגְט ווִיאַזוֹי עֶר ווֶעט קֶענֶען לֶעבְּן מִיט אַ וַוייבּ נָאךְ דִי חֲתוּנָה. וָואס קֶענֶען מִיר טוּן? אֶפְשָׁר קֶען אוּנְז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הֶעלְפְן?

**זַיין טַאטֶע אוּן מַאמֶע**

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ט' אִיָּר, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אֵיין זַאךְ זָאלְסְטוּ גוּט אַרַיין נֶעמֶען אִין דִיר: "אִין לֶעבְּן דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ סַבְלָנוּת, בִּפְרַט מִיט קִינְדֶער"; מֶען דַארְף הָאבְּן אַייזֶערְנֶע נֶערְוֶון מִיט דִי קִינְדֶער נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן דִי גֶעדוּלְד צוּ זֵיי. עֶס נֶעמְט אַסַאךְ צַייט בִּיז מֶען שְׁנַיידְט דִי פֵּירוֹת פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן אַז מֶען הָאט סַבְלָנוּת צוּ זֵיי שְׁנַיידְט מֶען שֵׁיינֶע פֵּירוֹת, מֶען הָאט אַסַאךְ נַחַת פוּן זֵיי.

אִיךְ מוּז דִיר גֶעבְּן אַבִּיסְל מוּסָר כְּדֵי דוּ זָאלְסְט נִישְׁט פַארְלִירְן דַיין בָּחוּר.

<<<<<<

>>>>>>

מֶען דַארְף אַרַיינְצוּלֵייגְן דִי ווֶערְטֶער גוּט גוּט אִין הַארְץ אַרַיין, אַז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז צוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת, זַיין אַ גֶעדוּלְדִיגֶער מֶענְטְשׁ. אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קנ"ה) אַז צוּצוּקוּמֶען צוּ גֶעדוּלְדִיגְקֵייט אוּן סַבְלָנוּת קֶען מֶען נִישְׁט נָאר דוּרְךְ אֱמוּנָה, ווֶען אַ מֶענְטְשׁ גְלֵייבְּט אִין בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַז גָארְנִישְׁט פִירְט זִיךְ אַלֵיין, אַלֶעס אִיז נָאר פוּן דֶעם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, דֶעמָאלְט אִיז עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט אִין כַּעַס, עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעדוּלְדִיג, וַוייל עֶר ווֵייסְט אַז אַלְץ אִיז פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיין וָואס פִירְט דִי ווֶעלְט בְּהַשְׁגָּחָה פְּרָטִית, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (חוּלִּין ז':) אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין מִלְמַעְלָה; אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט קֵיין קְלַאפּ אִין דֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶער נָאר אַז מֶען הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן קוֹדֶם פוּן אוֹיבְן, גָארְנִישְׁט פִירְט זִיךְ אַלֵיין. אִיבֶּערְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ אַייְנְקוֹיפְן דִי מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת, גֶעדוּלְדִיגְקֵייט, הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ יֶעדֶעם אֵיינֶעם, וּבִפְרַט צוּ דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, וָואס דָאס וַוייזְט אַז עֶר הָאט שׁוֹין תְּשׁוּבָה גֶעטוּן, אוּן זַיין תְּשׁוּבָה אִיז אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן אוֹיבְן אִין הִימְל.

אַ אִיד דַארְף זִיךְ אַייְנְקוֹיפְן דִי טֵייעֶרֶע מִדָּה פוּן סַבְלָנוּת אִין שְׁטוּבּ, וָואס דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע מִדָּה אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַ בְּרָכָה אִין שְׁטוּבּ. אַזוֹי ווִי מֶען דֶערְצֵיילְט פוּן פְּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן, וָואס זֵיי הָאבְּן זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקְרִיגְט אִין שְׁטוּבּ, אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט גְרוֹיסֶע מֶעכְטִיגֶע יְשׁוּעוֹת, הֶן מִיט גֶערָאטֶענֶע קִינְדֶער הֶן מִיט פַּרְנָסָה.

צוּם הֵיילִיגְן שִׁינָאוֶוער רָב זי"ע אִיז גֶעקוּמֶען אַ פָּארְפָאלְק - נָאךְ אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג יָאר לֶעבְּן צוּזַאמֶען - צוּ אַ דִין תּוֹרָה. זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין קִינְדֶער ל"ע, הָאבְּן זֵיי צְווִישְׁן זִיךְ בַּאשְׁלָאסְן אַז זֵיי ווֶעלְן זִיךְ גֶטְ'ן, אֶפְשָׁר ווֶעט דֶער מַזָל זֵיי בְּרֶענְגֶען אַז בֵּיידֶע ווֶעלְן נָאכְאַמָאל חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אַנְדֶערֶע אוּן זֵיי ווֶעלְן הָאבְּן קִינְדֶער. נָאר וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי דִין תּוֹרָה? אַזוֹי ווִי זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען פַארְמֶעגְלִיךְ מִיט פַּרְנָסָה, דֶער מַאן הָאט גֶעהַאט אַ פַאבְּרִיק, אוּן צְווִישְׁן זֵיי אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין שׁוּם ווֶערְטֶער קְרִיגֶערַיי, זַייט זֵיי הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט הָאבְּן זֵיי זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקְרִיגְט, נָאר גֶעלֶעבְּט בְּשָׁלוֹם. "אִיז וָואס אִיז דִי דִין תּוֹרָה?" - פְרֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער שִׁינָאוֶוער רָב זי"ע. זִי הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט אַז דָאס פַאבְּרִיק זָאל בְּלַייבְּן בַּיי אִים, עֶר זָאל הָאבְּן פַּרְנָסָה, כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶען לֶערְנֶען מִיט אַ קְלָארְן קָאפּ; אוּן עֶר הָאט גֶע'טַעֲנָה'ט, נֵיין! דָאס פַאבְּרִיק זָאל זַיין וַוייבּ נֶעמֶען, וָוארוּם עֶר ווֶעט זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן אָן דֶעם פַאבְּרִיק, אוּן זִי נֶעבֶּעךְ ווֶעט בְּלַייבְּן אָן גָארְנִישְׁט, זָאל זִי כַאטְשׁ הָאבְּן פוּן וואו צוּ נֶעמֶען פַּרְנָסָה. ווִי דֶער הֵיילִיגֶער שִׁינָאוֶוער רָב זי"ע הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "דֶער פַאבְּרִיק ווֶעט בְּלַייבְּן פַאר עֶנְק בֵּיידֶע, אִיר ווֶעט זִיךְ נִישְׁט גֶטְ'ן, אִיבֶּער אַ יָאר אִין דִי צַייט ווֶעט אִיר הָאבְּן אַ בֵּן זָכָר!", אוּן אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם וָואס אִיז דֶער כֹּחַ פוּן אַ פָּארְפָאלְק וָואס קְרִיגְן זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אוּן זֶענֶען גֶעדוּלְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן, אַז זֵיי ווֶערְן גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט אַלֶעם גוּטְן. אוּן אַזוֹי הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל אָפְּגֶעבְּן גְרוֹיס כָּבוֹד פַאר'ן וַוייבּ, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רס"ג - רס"ד): "דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט אַלֶעס עֶס זָאל זַיין אַ מַחְלוֹקֶת צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, כְּדֵי זֵיי מַכְשִׁיל צוּ זַיין מִיט עֲוֹנוֹת אוּן חֲטָאִים וְכוּ'". אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ בַּאטְרַאכְטְן: וִויפִיל צַעַר אוּן לַיידְן הָאט זַיין וַוייבּ? צַעַר הָעִיבּוּר, וְהַלֵּידָה, וְהַגִּידּוּל, וְכוּ', זִי מוּטְשֶׁעט זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק מִיט דִי קִינְדֶער, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זֵייעֶר רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִי וַוייבּ, אוּן אִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן. וואוּיל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ וָואס פָאלְגְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן ווֶעט אִים גוּט זַיין אוֹיף דִי ווֶעלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע ווֶעלְט.

(אֲשֶׁר בְּנַחַל אִידִישׁ, חֵלֶק א', מִכְתָּב ז')

## פַארְוָואס קוּמְט דָאס מִיר?

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ט"ו) אַז ווֶער עֶס ווִיל שְׁפִּירְן דֶעם אוֹר הַגָּנוּז זָאל עוֹסֵק זַיין אִין בְּחִינַת מִשְׁפָּט, דָאס מֵיינְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אַלֵיין מִשְׁפָּט'ן, עֶר זָאל מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן, "פַארְוָואס קוּמְט אוֹיף מִיר דִי צָרָה?" אוּן ווֶען אַ אִיד ווֶעט זִיךְ מִשְׁפָּט'ן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ ווִי עֶר פִירְט זִיךְ, דֶעמָאלְט ווֶעט עֶר שׁוֹין פוּן גָארְנִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן.

עֶס ווֶערְט דֶערְצֵיילְט אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן חָתָם סוֹפֵר זי"ע, אַז עֶר אִיז גֶעפָארְן אֵיינְמָאל צוּ אַ מֶרְחָץ ווֶעגְן זַיין גֶעזוּנְט, אוּן מֶען הָאט גֶע'פּוֹעֶלְ'ט פַאר אִים אַז עֶר זָאל זַיין בַּיינַאכְט ווֶען קֵיינֶער אִיז שׁוֹין נִישְׁטָא דָארְט, עֶר הָאט גֶעוָואלְט זַיין אַלֵיין אִין דֶעם פְּלַאץ וואו עֶס קוּמְט אַרוֹיס דִי שְׁוֶועבְל וַואסֶער וָואס עֶס אִיז אַ רְפוּאָה.

דָארְטְן אִיז גֶעוֶוען צְוֵויי גְרוֹיסֶע אַייזֶערְנֶע טִירְן, אוּן ווִי נָאר עֶר אִיז אַרַיין הָאט זִיךְ פַארְשְׁלָאסְן אוֹיף אִים דִי צְוֵויי גְרוֹיסֶע אַייזֶערְנֶע טִירְן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיס, דֶערְוַוייל אִיז דִי גַאנְצֶע צִימֶער פוּל גֶעוָוארְן מִיט פַּארֶע פוּן דִי הִיץ וָואס דָארְטְן אִיז גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַרוֹיס גֵיין, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט אַז עֶר גֵייט דֶערְשְׁטִיקְט ווֶערְן. הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ צוּ מִשְׁפָּט'ן, פַארְוָואס קוּמְט אִים אַזַא מִיתָה מְשׁוּנָה פוּן חֶנֶק? בִּיז עֶס אִיז אִים אַיינְגֶעפַאלְן אַז חֲזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת ק"ה:) כָּל הַמִּתְעַצֵּל בְּהֶסְפֵּידוֹ שֶׁל חָכָם אֵינוֹ מַאֲרִיךְ יָמִים; אוּן אַזוֹי ווִי עֶס אִיז דֶעמָאלְט נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער גָאוֹן, רֶבִּי דָוִד דַייטְשׁ זַ"ל, אוּן עֶר הָאט אִים נִישְׁט מַסְפִּיד גֶעוֶוען, הָאט עֶר צַאמְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דָאס מוּז זַיין דִי סִיבָּה פוּן זַיין מַצָּב, אוּן עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען אַז עֶר ווֶעט אִים מַסְפִּיד זַיין גְלַייךְ ווֶען עֶר ווֶעט אַרוֹיס גֵיין, אוּן וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער אִיז גֶעשֶׁעְן אַז דִי שְׁוֶוערֶע טִירְן הָאבְּן זִיךְ אַלֵיין גֶעעֶפְנְט אוּן אַזוֹי אִיז עֶר נִיצוֹל גֶעוָוארְן אוּן הָאט גֶעקֶענְט אַרוֹיס גֵיין, אוּן עֶר הָאט גְלַייךְ גֶעלָאזְט צוּזַאם רוּפְן אַלֶע אִידְן וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין מֶרְחָץ אוּן הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶע הֶסְפֵּד.

פוּן דֶעם זֶעט מֶען ווִי מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, ווִי דִי חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת ה':), מִי חָשִׁיד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא דְעָבִיד דִּינָא בְּלָא דַיְינָא? יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶס קוּמְט אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ אִיז מִיט אַ רִיכְטִיגֶער חֶשְׁבּוֹן. דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ אִיד מִשְׁפָּט'ן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אוּן אַזוֹי ווֶעט עֶר קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן עֶס ווֶעט לַייכְטְן אוֹיף אִים אַ גְרוֹיסֶער לִיכְט. וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס לָאזְט זִיךְ נִישְׁט נַארְן אוֹיף דֶעם עוֹלָם.

(אֲשֶׁר בְּנַחַל אִידִישׁ, חֵלֶק א', מִכְתָּב ח')

**פְּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקְרִיגְט אִין שְׁטוּבּ, זֶענֶען זֵיי גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט גְרוֹיסֶע מֶעכְטִיגֶע יְשׁוּעוֹת**

# זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ

אוֹיסֶער דֶעם וָואס מֶען דַארְף צוּגְרֵייטְן דָאס הוֹיז אוּן מֶען דַארְף צוּגְרֵייטְן פֵיינֶע עֶסְן לְכָבוֹד שַׁבָּת, דַארְף מֶען זִיךְ אַלֵיין אוֹיךְ צוּגְרֵייטְן צוּם שַׁבָּת. מֶען דַארְף זִיךְ צוּגְרֵייטְן מִיט אַסַאךְ סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד אַז מֶען זָאל קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דֶעם שַׁבָּת פְרֵיילִיכֶערְהֵייט אוּן רוּאִיגֶערְהֵייט, אוּן נִישְׁט וֶוערְן אִין כַּעַס אוּן אוֹיפְגֶערֶעגְט אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ.

חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (גִיטִין נ"ב.) אִיבֶּער אַ גֶעוִויסֶע מִשְׁפָּחָה וָואס דֶער שָׂטָן הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעזֶעצְט בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים אוּן יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת הָאט עֶר פְּרוּבִּירְט דָארְט אָנְצוּזֵייעֶן אַ מַחְלוֹקֶת, יֶעדְן פְרַייטָאג פְלֶעגְט מֶען זִיךְ קְרִיגְן דָארְט אִין הוֹיז. אֵיינְמָאל אִיז רֶבִּי מֵאִיר אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין, אוּן עֶר אִיז דָארְט גֶעבְלִיבְּן פַאר דְרֵיי פְרַייטָאגְס, אוּן פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז וֶוען רֶבִּי מֵאִיר אִיז גֶעוֶוען בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים הָאט נִישְׁט גֶעפַּאסְט זִיךְ צוּ קְרִיגְן, אַזוֹי אִיז דוּרְךְ דִי דְרֵיי פְרֵייטָאגְס בְּשָׁלוֹם אָן קַיין קְרִיגֶערַיי, אוּן דַאן הָאט מֶען גֶעהֶערְט דֶעם קוֹל פוּנֶעם שָׂטָן וָואס זָאגְט: "וֵויי אִיז מִיר אַז רֶבִּי מֵאִיר הָאט מִיךְ אַרוֹיסְגֶעפִירְט פוּן דֶעם הוֹיז".

דֶער שָׂטָן הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן דַוְקָא נָאר יֶענֶעם הוֹיז צוּ מַאכְן דָארְט מַחְלוֹקֶת יֶעדְן עֶרֶב שַׁבָּת, נָאר עֶר מַאכְט זִיכֶער אַרוּמְצוּגֵיין אִין אַלֶע אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער יֶעדְן פְרַייטָאג אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דָארְט אַן אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט, מֶען זָאל שְׁרֵייעֶן אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן, אוּן וֶוערְן נֶערְוֶועז פוּן יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, אַזוֹי אַז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּב זָאל זַיין בַּאבְלָאזְן אוּן טְרוֹיעֶרִיג, אוּן אַזוֹי זָאל מֶען אַרַיינְקוּמֶען אִינֶעם שַׁבָּת מִיט כַּעַס אוּן מַחְלוֹקֶת, אוּן דֶער גַאנְצֶער שַׁבָּת זָאל שׁוֹין זַיין צֶעשְׁטֶערְט חַס וְשָׁלוֹם.

פַארְוָואס טוּט עֶר דָאס? פַארְוָואס גֵייט אַזוֹי אִין לֶעבְּן פַארְ'ן שָׂטָן אַז עֶס זָאל נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ אִין אַ אִידִישׁ הוֹיז אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ? וַוייל עֶר וֵוייסְט אַז וֶוער ס'אִיז פְרֵיילִיךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וֶועט אִים שׁוֹין גֵיין גוּט דִי גַאנְצֶע וָואךְ נָאכְדֶעם, עֶר וֶועט הָאבְּן אַן הַצְלָחָה'דִיגֶע וָואךְ סַיי בְּרוּחֲנִיוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיוּת, עֶר וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע, אוּן דָאס גוּט מַזָל וֶועט אִים נָאכְלוֹיפְן דִי גַאנְצֶע וָואךְ וואוּ עֶר וֶועט נָאר גֵיין אוּן וָואס עֶר וֶועט נָאר טוּן.

דֶער שָׂטָן פַארְגִינְט דָאס נִישְׁט פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן דֶערִיבֶּער וֶועט עֶר זִיכֶער מַאכְן אַז דֶער פְרַייטָאג זָאל זַיין אָנְגֶעצוֹיגְן, אוּן אַזוֹי וֶועט שׁוֹין דֶער שַׁבָּת אוֹיךְ מִיטְגֵיין מִיט דִי קְרִיגֶערַייעֶן אוּן כַּעַס, אוּן דַאן הָאט עֶר שׁוֹין אָפְּגֶע'שָׁחְטְ'ן דִי גַאנְצֶע וָואךְ פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער זוֹהַר הַקָדוֹשׁ זָאגְט (עַיֵין תִּקוּנֵי זֹהַר, דַף קכ"ה) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שְׁמוֹת ל"ה, ג') "לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ בְּכֹל מֹשְׁבֹתֵיכֶם בְּיוֹם הַשַׁבָּת", דִי תּוֹרָה זָאגְט אוּנְז אָן אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט אָנְצִינְדֶען קַיין פֵייעֶר אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, לֵייגְט דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר צוּ צוּ דֶעם נָאךְ אֵיין וָוארְט, "לֹא תְבַעֲרוּ אֵשׁ, הַכַּעַס", זָאלְסְט נִישְׁט אָנְצִינְדֶען דָאס פֵייעֶר פוּן כַּעַס אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. מֶען דַארְף זִיךְ הִיטְן פוּן כַּעַס אוּם שַׁבָּת נָאךְ מֶער וִוי מֶען הִיט זִיךְ פוּן פֵייעֶר, כַּעַס אוּם שַׁבָּת בְּרֶענְגְט אָרִימְקֵייט פַאר דִי גַאנְצֶע וָואךְ, דֶער מֶענְטְשׁ פַארְלִירְט זַיין גוּטֶע מַזָל, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אִים פִילֶע לַיידְן אוּן צָרוֹת אוֹיף דִי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ.

עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג; אַ אִיד אַרְבֶּעט שְׁוֶוער דִי גַאנְצֶע וָואךְ, אוּן וֶוען עֶר קוּמְט אַהֵיים אוּם פְרַייטָאג אוּן אִין שַׁבָּת, דַארְף עֶר אַבִּיסְל מְנוּחָה, אַבִּיסְל רוּאִיגְקֵייט, אוּן עֶר קֶען זִיךְ גְרִינְג אוֹיפְרֶעגְן אִינְדֶערְהֵיים אוֹיף דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וֶוען עֶס גֵייט נִישְׁט אַלֶעס אַזוֹי וִוי עֶר וִויל. וָואס טוּט אָבֶּער נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ פַאר פַּרְנָסָה, פַאר הַצְלָחָה, פַאר גֶעזוּנְט. וֶוען אַ אִיד זָאל גוּט וִויסְן אַז זַיין גַאנְצֶע הַצְלָחָה פוּן דִי גַאנְצֶע וָואךְ וֶוענְדְט זִיךְ אִין זַיין שַׁבָּת, אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ הַאלְטְן רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וֶועט זַיין גַאנְצֶע וָואךְ אִים גֵיין גוּט, וֶועט אִים דַאן זַיין גְרִינְגֶער זִיךְ אַיינְצוּהַאלְטְן פוּן כַּעַס, זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְצוּרֶעגְן אוֹיף יֶעדֶע קְלֵיינִיקֵייט, אוּן אֲפִילוּ נִישְׁט אוֹיף גְרוֹיסֶע זַאכְן. אַדְרַבָּה עֶר וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ גֶעשְׁמַאקֶע אַטְמָאסְפֶער אִין שְׁטוּבּ, עֶר וֶועט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ שִׂמְחָה אִין שְׁטוּבּ, עֶר וֶועט מַאכְן פְרֵיילִיךְ דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן דָאס וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען דִי גְרֶעסְטֶע הַצְלָחָה.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הַאלְט זִיךְ רוּאִיג אוּן וֶוערְט נִישְׁט אִין כַּעַס קַיין אֵיין טָאג נִישְׁט, אוּן זִיכֶער נִישְׁט אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. וַוייל דֶער עִיקָר שְׁלֵימוּת פוּנֶעם שַׁבָּת אִיז וֶוען מֶען אִיז מְקַבֵּל דֶעם שַׁבָּת מִיט שִׂמְחָה, מֶען פְרֵייעְדְט זִיךְ מִיטְ'ן הֵיילִיגְן שַׁבָּת.

דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת קֶען אַ אִיד אוֹיסְנוּצְן אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אַ גֶעשְׁמַאק אוּן אַ בַּא'טַעַמְ'קֵייט אִין זַיין שְׁטוּבּ, עֶר קֶען אוֹיפְלֶעבְּן זַיין הוֹיז אוּן עֶס מַאכְן פַאר אַ גַן עֵדֶן, אוֹיבּ פִירְט עֶר שֵׁיינֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת.

בְּמֶשֶׁךְ דִי וָואךְ אִיז אַ מֶענְטְשׁ גֶעוֶוענְלִיךְ פַארְנוּמֶען, עֶר הָאט נִישְׁט צוּפִיל צַייט זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה אוּן מִיט זַיינֶע קִינְדֶער. דוּרְכְאוֹיס דִי וָואךְ קוּמְט מֶען אַסַאךְ מָאל אַהֵיים גָאר שְׁפֶּעט, וֶוען דִי קִינְדֶער שְׁלָאפְן שׁוֹין, אַזוֹי אַז עֶס קוּמְט כִּמְעַט נִישְׁט אוֹיס צוּ רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער אַ גַאנְצֶע וָואךְ.

אָבֶּער שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וֶוען מֶען זִיצְט בַּיים שַׁבָּת טִישׁ מִיט דִי קִינְדֶער, קֶען מֶען אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט זִיךְ

<<<<<<

>>>>>>

מִיט אַלֶע דַיינֶע גֶערֶעכְטֶע טַעֲנוֹת וָואס דוּ הָאסְט אוֹיף אִים, דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז מֶען רֶעדְט מֶען נִישְׁט אַזוֹי צוּ אַ קִינְד. אוֹיבּ אַ קִינְד שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט זָאגְט מֶען אִים נִישְׁט: "גֵיי זוּךְ דִיר אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ וואוּ צוּ שְׁלָאפְן"; אַז דַיין בָּחוּר שְׁלָאפְט אַרַיין אִין טָאג בִּיז שְׁפֶּעט טָאר מֶען אִים נִישְׁט סְטְרַאשֶׁען אַז עֶר וֶועט דַארְפְן זוּכְן אַ פְּלַאץ וואוּ צוּ שְׁלָאפְן וַוייל מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם פַארְלִירְן דֶעם קִינְד; וָואס טוּסְטוּ וֶוען עֶר זָאגְט דִיר: "טַאטֶע אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן וָואס דוּ זָאגְסְט, אִיךְ גֵיי אַוֶועק פוּן שְׁטוּבּ"?! וָואלְסְט דָאס דָאךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן.

גֶעבּ אַ קוּק וָואס טוּט זִיךְ אָפּ הַיינְטִיגֶע צַייטְן בַּיי דִי שֶׁענְסְטֶע שְׁטִיבֶּער, וִוי קִינְדֶער לָאזְן אָפּ זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה. אִיךְ מֵיין אַז דִי אָנְגֶעצוֹיגֶענֶע לוּפְט אִין שְׁטוּבּ, דִי שְׁוֶוערֶע אַטְמָאסְפֶער - קוּמְט פוּן דַיין צַד. דוּ מַאכְסְט דִי לוּפְט אָנְגֶעצוֹיגְן, דוּ קוּקְסְט אוֹיף אִים מִיט אַ שְׁלֶעכְטֶע אוֹיג - דָאס מַאכְט אַז עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט וֶועלְן צוּשְׁטֶעלְן.

אַוַדַאי שְׁלָאפְט עֶר בִּיזְ'ן טָאג אַרַיין; עֶר שְׁפִירְט וִוי מֶען אִיז נִישְׁט צוּפְרִידְן פוּן אִים אוּן שְׁפִירְט זִיךְ אִיבֶּערִיג אִין שְׁטוּבּ, נָאכְדֶעם אִיז עֶר צֶעבְּרָאכְן אוּן צֶעקְלַאפְּט אַז עֶר שְׁטֵייט אוֹיף שְׁפֶּעט, וָואס דָאס אַלֵיינְס מַאכְט אַז עֶר זָאל אִיבֶּערְדְרֵייעֶן וְכוּ'.

יֶעצְט אִיז נִישְׁט קַיין צַייט פוּן אָנְהֵייבְּן מְחַנֵךְ זַיין; חִינוּךְ הֵייבְּט זִיךְ אָן וֶוען מֶען אִיז קְלֵיין, דֶעמָאלְט דַארְף מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּנֶעם קִינְד זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן מִיט וָואס עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן, דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט פוּן דֶעם, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת, אוֹת בָּנִים, סִימָן סה): "צָרִיךְ לְלַמֵּד אֶת הַתִּינוֹק דֶּרֶךְ אֶרֶץ מִנְּעוּרָיו", מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דָאס קִינְד דֶרֶךְ אֶרֶץ וֶוען עֶר אִיז נָאךְ יוּנְג; אָבֶּער וֶוען קִינְדֶער וֶוערְן עֶלְטֶער אוּן מֶען הָאט שׁוֹין אַ בָּחוּר אִין שְׁטוּבּ דַארְף מֶען זֶען עֶס זָאל זַיין נָאר יָמִין מְקַרֶבֶת אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סוֹטָה מז.): "לְעוֹלָם תְּהֵא שְׂמֹאל דּוֹחָה וְיָמִין מְקָרֶבֶת"; מֶען דַארְף וַוייזְן לִיבְּשַׁאפְט, אַז נִישְׁט קַיין מֶען זֵיי אִינְגַאנְצְן פַארְלִירְן.

זֵיי נִישְׁט בְּרוֹגֶז אַז אִיךְ זָאג דִיר דוּ זָאלְסְט טוֹישְׁן דַיין צוּגַאנְג אִין שְׁטוּבּ מִיט דִי קִינְדֶער; אִיךְ הָאבּ פָּשׁוּט רַחֲמָנוּת אוֹיף דִיר אוּן דַיין וַוייבּ אוּן אִיךְ וִויל נִישְׁט אִיר זָאלְט אִים פַארְלִירְן הַשֵׁם יִשְׁמְרֵנוּ. אַז דוּ וֶועסְט קוּקְן אוֹיף אִים גוּט אוּן עֶר וֶועט שְׁפִירְן וִוי טַאטֶע מַאמֶע הָאבְּן אִים לִיבּ אוּן זֶענֶען צוּפְרִידְן פוּן אִים וֶועט עֶר אַייךְ נָאר בְּרֶענְגֶען נַחַת.

וְעַל כּוּלָם זָאלְסְטוּ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אִים אוּן פַאר אַלֶע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן. מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אַ אִיד אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן חָפֵץ חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בֶּעטְן אַ בְּרָכָה אוֹיף גוּטֶע קִינְדֶער, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער חָפֵץ חַיִּים גֶענוּמֶען אַ תְּהִלִּים וָואס אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְגֶעבְלָאזְן פוּן נַאסְקֵייט אוּן דָאס גֶעוִויזְן פַאר דֶעם אִיד אוּן אִים גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז דֶער תְּהִלִּים פוּן מַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָׁלוֹם וואוּ זִי פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן זִי זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער"; דֶערְפַאר דַארְפְן עֶלְטֶערְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ עֶרְלִיכֶע אוּן גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' אֱמוֹר תשע"ט)

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

האט שוין זוכה געווען צו ענדיגן ש"ס, אבער גלייכצייטיג נישט ווערן צעבראכן דערפון, צו טראכטן אז ער האלט שוין אזוי ווייט און איך נישט, נאר יעדער זאל זיך שטארקן אויף זיין אייגענע וועג צו לערנען אביסל תורה יעדן טאג.

נאכ'ן סיום איז דער עולם זיך צעגאנגען מיט א געוואלדיגע התעוררות און התחזקות, זיך צו שטארקן ווייטער אין לערנען די הייליגע תורה מיט גרויס פלייס.

**אין שמחה כשמחת התורה!**

***

## אומזיסטע חתונה בהיכל בית מדרשינו

גייענדיג צום דרוק, דאנערשטאג בהר, האלט מען אינמיטן די הכנות צוצוגרייטן דעם בית המדרש צו די חתונה וואס וועט דארט פארקומען ביינאכט, א חתונה נאכט וואס וועט נישט קאסטן קיין איין פרוטה פאר די מחותנים.

עס וועט גיין אונטער די חופה הבה"ח ישראל סאמעט הי"ו, עב"ג בת הרה"ח מוה"ר דניאל בוים שליט"א מחשובי אנ"ש. די בחורים אין ישיבה לייגן צו א האנט אז די חתונה זאל זיין אויפ'ן שענסטן און בעסטן פארנעם.

אינ'ם "מכתב יומי" פון די וואך מיטוואך, שרייבט דער ראש ישיבה שליט"א: "עס איז כדאי צו קומען זען א פרייליכע חתונה וואס קאסט גארנישט פאר די מחותנים, עס איז ממש בחינם. קום קוקן ווי פרייליך א חתונה קוקט אויס אין ישיבה; בשעת די חתונה הייבט מען אן טראכטן גראד, מען טראכט: 'וואס פעלט טאקע אויס די אלע געלט פארשוועדעניש פאר עטליכע קארגע שעה?' אפילו ווען דער מענטש זאל האבן איבעריגע געלט וואלט ער אויך נישט געדארפט אויסגעבן די געלט פאר די פאר שעה, ענדערש זאל מען דאס געבן פארן פאר-פאלק צו קענען קויפן א דירה אדער אריין גיין אין א ביזנעס וכו', ווער רעדט נאך אז מען האט נישט די געלט, מען קען קוים לעבן טאג טעגליך, איז דאך ממש א ווייטאג פארוואס מען דארף בארגן געלט און נישט קענען באצאלן".

א לענגערע באריכט איבער די חתונה, וועט נאכפאלגן אי"ה קומענדיגע וואך.

**שמח תשמח רעים האהובים!**

די איבריגע פילע ברייוו פונעם ראש ישיבה שליט"א פון די וואך, קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".

צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 646-334-2858



>>>>>>

אַרָאפְּצוּלָאזְן צוּ דִי קִינְדֶער, אוֹיסְהֶערְן וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ זָאגְן אוּן רֶעדְן מִיט זֵיי דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, זֵיי דֶערְצֵיילְן סִפּוּרֵי צַדִיקִים, זִינְגֶען מִיט זֵיי דִי זְמִירוֹת שַׁבָּת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. עֶס אִיז מַמָש אַ שָׁאד אַז דִי בִּיסְל צַייט פוּן דִי גַאנְצֶע וָואךְ וָואס מֶען הָאט מִיט דִי קִינְדֶער זָאל אַוֶועקְגֵיין מִיט רֶעדְן נַארִישְׁקֵייטְן. אָדֶער נָאךְ עֶרְגֶער, מִיט לָשׁוֹן הָרַע אוּן רְכִילוּת.

מֶענְטְשְׁן מַאכְן אַ טָעוּת מִיט דֶעם וָואס מֶען גְרֵייט זִיךְ אָן בְּלוֹיז דִבְרֵי תּוֹרָה צוּ זָאגְן בַּיים טִישׁ, קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט אַלֶעמָאל קַיין גֶעדוּלְד צוּ קַיין תּוֹרוֹת, זֵיי לֶערְנֶען שׁוֹין אַ גַאנְצֶע וָואךְ גֶענוּג אִין חֵדֶר אוּן אִין שׁוּלֶע. בַּיים שַׁבָּת טִישׁ ווִילְן דִי קִינְדֶער הֶערְן שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, זִינְגֶען שֵׁיין צוּזַאמֶען, זֵיי ווִילְן אֵיינֶער זָאל זֵיי אוֹיסְהֶערְן וָואס זֵיי הָאבְּן צוּ דֶערְצֵיילְן ווִי אַזוֹי סְ'אִיז אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען זֵייעֶר וָואךְ, אוּן מִיט אַבִּיסְל סַבְלָנוּת אוּן גֶעדוּלְד קֶען אַ טַאטֶע מְחַיֶה זַיין אוּן אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ חִיוּת אוּן לֶעבְּהַאפְט אִין דִי גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע, בְּלוֹיז מִיט דִי שַׁבָּת טִישְׁן.

מֶען דֶערְצֵיילְט אוֹיף אַ גֶעווִיסֶער גָדוֹל בְּיִשְׂרָאֵל וָואס הָאט לֵיידֶער נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט אַ שָׁכֵן זֵייעֶר אַ פָּשׁוּטֶער אִיד וָואס הָאט יָא זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גֶעלוּנְגֶענֶע עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער. הָאט דֶער גָדוֹל גֶעזָאגְט סוֹף יָמָיו, אַז אַזוֹי ווִי עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער מַתְמִיד, פְלֶעגְט עֶר שְׁנֶעל עֶנְדִיגְן דִי שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדוֹת אוּן עֶר הָאט זִיךְ גְלַייךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה, ווִידֶערְאוּם דֶער שָׁכֵן אִיז גֶעוֶוען אַ פָּשׁוּטֶער אִיד, עֶר פְלֶעגְט מַאֲרִיךְ זַיין בַּיי דִי סְעוּדוֹת, עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער, עֶר הָאט גֶערֶעדְט מִיט זֵיי, אוּן דֶערִיבֶּער זֶענֶען זַיינֶע קִינְדֶער גֶעוֶוען אַזוֹי גֶערָאטְן, יֶעצְט הָאט עֶר חֲרָטָה פַארְוָואס עֶר הָאט נִישְׁט מֶער מַאֲרִיךְ גֶעוֶוען בַּיי דִי סְעוּדוֹת אַזוֹי ווִי זַיין שָׁכֵן, עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן אַז וֶוען עֶר וָואלְט מֶער פַארְבְּרֶענְגְט מִיט זַיינֶע קִינְדֶער, וָואלְט עֶר מֶער מַצְלִיחַ גֶעוֶוען מִיט זֵיי.

קִינְדֶער דַארְפְן זֵייעֶר ווִיכְטִיג הָאבְּן אַז דִי עֶלְטֶערְן זָאלְן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי, נָאר אַזוֹי קֶענֶען זֵיי אוֹיפְוַואקְסְן גֶעזוּנְט בְּרוּחְנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת. דֶערִיבֶּער, עֶלְטֶערְן וָואס זָארְגְן זִיךְ פַאר דִי ווָאוֹילְזַיין פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, דַארְפְן זֶען כָאטְשׁ אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ צוּ אוֹיסְנִיצְן דִי גֶעלֶעגְנְהֵייט אוּן אַוֶועקְגֶעבְּן צַייט פַאר דִי קִינְדֶער. דָאס אִיז אַן אִינְוֶועסְטְמֶענְט וָואס בְּרֶענְגְט גָאר גְרוֹיסֶע רְוָחִים צוּ זֶען אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער.

(קוּנְטְרֵס גוּט שַׁבָּת)

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מוה"ר יואל טייטלבוים שליט"א**

**גבאי ביהמ"ד "היכל הקודש" ברסלב קרית יואל [עצי תמרים]**

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, פרנסה בשפע, דורות ישרים ומבורכים, מיט סייעתא דשמיא

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**החתן ישראל סאמעט הי"ו**

**צו זיין שמחת החתונה למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, פיל אידיש נחת געזונטערהייט, פרנסה בשפע, דורות ישרים ומבורכים, מיט סייעתא דשמיא

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## ערליכע סעודת ל"ג בעומר אין ישיבה

דעם מיטוואך נאכט, ל"ג בעומר, זענען זיך צוזאמגעקומען פילע אנשי שלומינו בהיכל בית מדרשינו אין וויליאמסבורג, צו פראווען אינאיינעם דעם געהויבענעם טאג.

ביי די סעודה האט מען געזינגען אינאיינעם ווארימע הארציגע ניגונים פון ל"ג בעומר, און דערנאך מען געהאט די זכי' צו הערן דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א, וואס האט ארומגערעדט איבער די גרויסקייט פון רבי שמעון בר יוחאי, וואס ער האט מגלה געווען פאר די וועלט די חשיבות פון יעדע מצוה, וואסערע גרויסע זאכן עס דרייען זיך איבער אין אלע וועלטן ווען א איד איז זוכה צו קומען אין שול דאווענען, ווען א איד איז זוכה צו לערנען די הייליגע תורה, און אזוי ווייטער יעדע מצוה וואס א איד טוט, וואס דאס פארשאפט א געוואלדיגע נחת רוח פאר'ן אייבערשטן און עס טוט גרויסע תיקונים אין אלע וועלטן.

דעריבער דארפן מיר זיך זייער פרייען אין דעם גרויסן טאג, און נאכדערצו אז דער הייליגער רבי האט עס נאך מער אראפגעברענגט פאר אונז, דער רבי לערנט אונז אויס אז יעדער איד אן אויסנאם קען זוכה זיין צו די אלע גרויסע זאכן, קיינער זאל נישט טראכטן אז ער איז צו ווייט פון דעם, אז ער איז אזוי ווייט פונעם אייבערשטן אז דער אייבערשטער דארף נישט האבן זיינע מצות, נאר פונקט פארקערט, ווען א איד ווייסט ביי זיך אז ער איז ווייט פונעם אייבערשטן און פון דעסט וועגן שטרענגט ער זיך אן צו טון א מצוה, ער שטרענגט זיך אן זיך צוריק צו האלטן פון אן עבירה, איז דאס נאך פיל מער חשוב ביים אייבערשטן.

די עצה פאר יעדן מענטש איז צו עפענען זיין מויל און אנהויבן צו רעדן צום אייבערשטן, צו דערציילן פאר'ן אייבערשטן אלעס וואס מען גייט אריבער, יעדע טאג אראפנעמען א מינוט צו כאפן א שמועס מיט'ן אייבערשטן, און דאן וועט דער אייבערשטער זיכער העלפן דעם מענטש אז ער זאל געהאלפן ווערן מיט אלעס וואס ער דארף און ער זאל ווערן אמת'דיג נאנט צום אייבערשטן.

ווען רבי שמעון בר יוחאי איז אנטלאפן זיך באהאלטן אין די מערה, האט ער מיטגענומען זיין זון אהין, פארוואס האט דאס אויסגעפעלט, אויפ'ן זון איז דאך נישט געווען די גזירה, און רבי שמעון איז דאך געווען פארנומען אין די מערה מיט גאר גרויסע זאכן, צו לערנען מיט אליהו הנביא און צו מאכן דעם הייליגן זוהר הקדוש מיט גרויסע סודות התורה. דאס לערנט אונז אז ווי הויך א מענטש זאל נאר זיין, מוז ער אבער אויך אינזין האבן זיינע קינדער, זיך אפגעבן מיט זיי און זיי מחנך זיין, און אזוי וועט ער זוכה זיין צו ערליכע אידישע דורות.

און אזוי ווייטער האט דער ראש ישיבה שליט"א ארומגערעדט איבער די גרויסקייט פונעם טאג, און פון אלע געוואלדיגע עצות און לימודים וואס דער רבי לערנט אונז. און ער האט אויסגעפירט אז ווען רבי שמעון בר יוחאי איז ארויסגעקומען פון די מערה האט ער געזאגט אז ער גייט עפעס טון צו העלפן די שטאט, און די זעלבע דארף זאגן יעדער איד וואס האט זוכה געווען צו הערן און מקיים זיין די עצות פון רבי'ן, דאס האט אים געהאלפן און אויפגעלאכטן זיין לעבן, דארף ער זען צו העלפן נאך אידן, און זיי דערציילן איבער דעם הייליגן רבי'ן וואס האט די כוחות צו העלפן יעדן איד אין יעדן מצב, ווען א איד וועט לערנען דעם הייליגן רבינ'ס ספרים און מקיים זיין וואס דארט שטייט, וועט ער זיכער ארויסקריכן פון אלע זיינע פראבלעמען, ער וועט גאר שטארק מצליח זיין ברוחניות ובגשמיות, אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

**אשרינו מה טוב חלקינו, בהילולא דבר יוחאי!**

***

## ערליכע סיום הש"ס אין ישיבה

די וואך מיטוואך איז פארגעקומען א ערליכע סעודה לכבודה של תורה, ווען הבחור החשוב שלום יוסף ניישטיין נ"י האט זוכה געווען צו ענדיגן גאנץ ש"ס.

די פארגאנגענע וואך האבן מיר שוין געהאט א סיום הש"ס אין ישיבה, און די וואך איז געווען נאך איינס, און אין די קומענדיגן וואכן וועט אי"ה נאך עטליכע בחורים זוכה זיין מסיים צו זיין ש"ס.

ביים סיום האט מען געזינגען אינאיינעם שיינע ניגונים, דערנאך האט מען גערעדט עטליכע ווערטער פונעם חשוב'ן טאטן פונ'ם בעל שמחה, מוה"ר נחמן ניישטיין שליט"א, מלמד מומחה במוסדותינו, וואס האט געדאנקט דעם אייבערשטן אויף די גרויסע חסדים, און ארויסגעברענגט זיין פרייד אז זיין בחור איז זוכה צו לערנען אין אזא ישיבה וואו מ'לערנט אויס די עצות ווי אזוי אנצוקומען צו דעם צו קענען ענדיגן גאנץ ש"ס, מיט אלע איבריגע עצות פון הייליגן רבי'ן.

דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט"א אריין אין א לענגערע שמועס איבער די גרויסקייט פון לערנען יעדן טאג די הייליגע תורה, וואס דאס מיינט פאר איד, די פילע גוטע זאכן וואס דאס ברענגט אויפ'ן איד ברוחניות ובגשמיות. ער האט ארויסגעברענגט ווי יעדער דארף זיך אפלערנען פון אזא יונגער בחור וואס

<<<<<<


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **הערשי בוים** הי"ו

**צו די אפשערן פון זיין זון אליעזר שלמה למז"ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים

## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

מו"ה **מנחם שטיינבערג** הי"ו

**צו די אפשערן פון זיין זון אליעזר שלמה למז"ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער געזונטערהייט, דורות ישרים ומבורכים

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**